# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Tsvey Lider/ Two Poems

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/5hg330v9

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

**Author**
Rebecca Koppe, Rifke Kope/

**Publication Date**
1981

**Copyright Information**
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

זע און קולטורעלע אינסטיטוציעס אין דער יידישער געמיינדע.

דאָ איז כדאי צו דערמאָנען אַז מיט 70 יאָר צוריק, אין 1910, האָט ד״ר קאַפּלאַן צוזאַמען מיט ד״ר יהודה לייב מאַגנעס געמאַכט דעם ערשטן פּרווו צו אָרגאַני־זירן אַ דעמאָקראַטישע יידישע קהילה אין ניו־יאָרק. אַלס רעזולטאַט פון יענע באַ־מיונגען איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע ביוראָ פאַר יידישער דערציִונג.

ד״ר קאַפּלאַנס שעפערישע אידעען און מחשבות האָבן געפירט צו קאָנסטרוקטי־ווע מעשים. זיינע אידעען האָבן באַאיינ־פלוסט און זיך אויסגעדריקט, פאַרקער־פּערט אין אַזעלכע געביטן און אינסטיטו־ציעס ווי יידישע דערציִונג און געמיינדע־אָרגאַניזירונג. קאָנקרעטע באַווייזן פון די אידעען פון רעקאָנסטרוקציאָניזם קען מען זען אין די פאַרגרעסערטע, ברייטערע פּראָגראַמען פון די לאָקאַלע און נאַציאָ־נאַלע קאָונסילס פון די יידישע פעדעראַ־ציעס און וועלפער פאָנדן.

אין 1964 האָט ד״ר קאַפּלאַן אין אַ רעדע אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר פאַרגעשלאָגן און פאָרמולירט אַ פּלאַן פאַר אַ „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם״. היינט, 34 יאָר שפּעטער, איז עס אין לאָס אַנדזשעלעס אַ רעאַליטעט.

עס איז סימבאָליש, וואָס דער געבוירן־טאָג פון ד״ר מרדכי קאַפּלאַן איז אין יאָר 1881, דאָס יאָר ווען עס האָט זיך אָנגע־הויבן די גרויסע מזרח־אייראָפּעישע יידי־שע עמיגראַציע, און דער אָנהייב פון 100 יאָר עקזיסטענץ פון גרעסטן יידישן צענ־טער אין אַמעריקע, וואָס פייערט היינט מיט גרויס ליבשאַפט און כבוד דעם 100 יעריקן געבוירן־טאָג פון זיין גרויסן לע־רער און גייסטיקן פירער, ד״ר מרדכי קאַפּלאַן.

ווי איינער וואָס האָט געהאַט דעם זכות צו זיין ד״ר קאַפּלאַנס תלמיד און דעם כבוד צו געניסן זיין פּערזענלעכע פריינד־שאַפט, פאַראייניק איך זיך מיט זיינע פריינט און פאַרערער אין דער גאַנצער וועלט צו ווינטשן אים צו זיין הונדערט־סטן געבוירן־טאָג געזונט און שעפעריש־קייט לטובת יידישקייט און דעם יידישן פאָלק — עד מאה ועשרים.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

## גאָלדפאַדן־קאָנצערט

די נאַכט האָט געמיטלעך באַשטערנט די שויבן
און פּוכיקע שטילקייט האָט זיסלעך פאַרטשאַדעט.
געעברענט האָט געזאַנג מיט אַ פלאַטער צום אויבן,
פון ברונעם־מוזיק פון דער גאָלדפאַדניאַדע...

מיט אַ גאָלדענעם שטראַל פון דער שכינה באַפּוצט,
פאַרצירט איז דער אָוונט אין טראַכט פון ניגונים.
ביים עיגול יידן מיט אויערן פאַרשפּיצט,
גייט אויף, דער וועלטס פאַרשניטענער פּנים.

ווען ס'האָט די בת־ציון דאָס ליד געציקלט,
פון ווייסן ציגעלע וואָס געפאָרן איז האַנדלען,
האָט אַ גאַרב פון געפילן געקנוילט זיך, צעוויקלט,
פאַרשמעקט האָט אין שטוב מיט ראָזשינקעס־מאַנדלען.

נישטאָ מער די הייף, די וואַרשטאַטן און שטיבער,
ווו ביים מאַשין האָט געקלונגען גאָלדפאַדנס ליד.
אַ קאָרע פון בלוט איבער חורבות און גריבער,
ווו ס'האָבן מילגרוימען יידן געבליט!
ס'האָט מוזיק זיך געוויגט איבער מענטש און פאַרקערט,
געבלוטיקט האָט דאָס ציגעלע אין געשטאַלט פון ייד.
אַ מענטש האָט פאַרשלונגען דאָס געזאַנג מיט אַ טרער—
באַלוינט און באַקרוינט דעם מייסטער פון ליד.

## צום אייביקן

פאַרהיט מיך גאָט
פון פריקרע גראַמען,
אַן איינציק וואָרט
קאָן אויך דערוואַרעמען.

כאָטש דו ביסט פון מיר ווייט
און דאָס שוויגן שווער זיך שפּרייט,
אויף קילאָמעטערס טעג
צווישןביידן,

אַ בריוו אַ מאָל איבערבייטן,
מאַכט נאַנט דעם מענטש,
איינס צום צווייטן.

דאָך נענטער קאָנסטו מיר ניט ווערן,
אַזוי ווי ס'אויג איז צו מיין שטערן,
ווי דער דופק אונטער מיין הויט —
פורפור רויט!

משה מאַנדלבוים

# אַ געפאַנגענער אין שפּין-געוועב

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער דערציילונג)

אויף דעם מערבדיקן הימל האָט נאָך אין דער טונקלקייט געציטערט דער לעצטער שטערן, וואָס וועט זיך אויסלעשן מיט דעם ערשטן שימער פון דעם פאַרטאָגיק ליכט. אָבער דורך די פאַרהאָנגענע און מיט לאָדנס פאַרמאַכטע פענצטער האָט זיך שוין אַריינגעריסן אין די נאָך שלאָפנדיקע שטיבער דער טומל און געבראַזג פון די אָנפאָרנדיקע פערד און וועגענער מיט די אייזערנע רייפן אַרום די הילצערנע רעדער.

די פויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען מיט זייערע פערד און וועגענער געקומען אָנגעלאָדן פול מיט פאַרם-פּראָדוקטן, מיט געבונדענע חזירים, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט קוויטשען ווי זיי וואָלטן שוין געוווּסט, אַז היינט וועלן זיי אַריינפאַלן צו באַליעק דעם חזירניק מיט זיין רויט גראָב אָנגעפּרעסענעם פנים, וואָס גלאַנצט שטענדיק, ווי עס וואָלט געווען אויסגעשמירט מיט חזיר-פעטס. געבונדענע שעפּסעלעך האָבן רחמנותדיק געמעקעט מיט אַ וויינענדיק קול, ווי זיי וואָלטן שוין געזען פאַר זיך דעם שיינעם הדרת-פנים פון ר' שלום דעם שוחט מיט זיין בלאַנק חלף אין האַנט, גרייט צו שניידן זייער מיט זיידענעם וואָל-באַוואַקסענע העלדזער. אויך האָט זיך דורך די פאַרהאָנגענע און מיט לאָדנס פאַרמאַכטע פענצטער געהערט דאָס טרעמפּלען פון

# א הסתדרות אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

א י נ ק אָ ר פּ אָ ר ײ ט ע ד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה פון 9½%
און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט״־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס״־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 9.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט-פונדאַציע.

שניידט אוים דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................................

Address..............................................

Date of Birth.............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..............................................

Date.........................Signature of Applicant..............................